# תקנות הקהלה דקהל אשכנזים דק״ק אמשטילרדם

Amsterdam, [5]471 [i.e. 1711]

Copy held at Hebrew Union College

https://mss.huc.edu/portfolio/rbr-o-128/

Transcription:

Ronny Reshef & Mirjam Gutschow

2023

Version October 2023

Transcribed using Transkribus, using

*Yiddish-Amsterdam-Baseline* model for Layout & *TakYidNL* model for Text recognition

[1r]

תקנות
הקהלה דקהל אשכנזים
דק״ק אמשטילרדם
במצות ע״י האלופים הקצינים הפרנסים
יצ״ו :
בדפוס ובבית של היקר כמר אשר אנשיל
בן המנוח כבר״ר אליעזר חזן זצ״ל הנקרא
בפי כל אדם אנשיל שוחט
בשנת **העם הזה** **על מ**קומו **יבא**
בשחטן לפ״ק
באמשטילרדם

[1v]

תקנות הקהילה

**א**

דש מן קודם לכל אלי חרמותֿ דיא מן אייניגי יחידים ובעלי בתים האט
אויף גליגט אויז וואש אורזאך אודר סבה אלז דיא חרמותֿ גישעהן
זיין . (יהיו מהיום והלאה כולם כאחד בטלין ומבֿוטלין ואין בהן ממש)
אונ׳ זאלין זיין אלז ווען זיא מעולם ניט ווערן ווארדן אויף גליגט :

**ב**

דש אלי פרנסים וטובֿים ווע֗לכֿי (מחלוקתֿ והפֿרשותֿ) ביחד גיהאט
האבין זאלן בייא אננדער קומן בבֿיתֿ הכנסתֿ . אין בייא זיין פֿון
מורינו ורבינו הגאון הגדול יצ״ו אונ׳ דש (באותו פעם הארון הקודש) זאל
ווערדין אויף גמאכֿט . אונ׳ זאלן זיך פֿאר פתֿיחתֿ הארון הקודש פֿאר
אייניגי אונ׳ בלובין דש אלי פֿאריגי (מחלוקתֿ ודברי ריבותֿ אשר היו
ביניהם) אויז אירה מחשבֿותֿ זאלן גישטעלט ווערדן אונ׳ קיין גידאכֿטן
צו האבין דש זיך איינר וויל נוקם ונוטר זיין :

**ג**

דש ווייטר קיין טובֿים זאלן גימאכֿט ווערדן . אונ׳ זאלין ניט מער
בשטין אלז ששה פרנסים אונ׳ איין גבאי . דיא זעלביגי זאלן כח
ורשותֿ האבין איבר אלי התֿמנותֿ ופקודתֿ של הקהלה וכֿל השייכֿם להם .
אונ׳ דש קיין זאך זאל גשלאסין ווערדן מקטן ועד גדול ובפֿרט געלט אויז
צו געבן אודר אלי פרנסים מוזין קומפלעט דער בייא זיין . אונ׳ דאך ניט

אנדרשט אלז על פי רובֿ הדיעותֿ . אונ׳ אלז וואש זונדר רובֿ הדיעותֿ מעכֿט
גישעהן זאל בטל ומבֿוטל זיין וכלא חשיבֿא . אונ׳ דער זונדר רובֿ הדיעותֿ
מעכֿט אייניגי געלדיר האבין אויז גיגעבן . זוא זאל דער זעלביג מחוייבֿ
זיין לשלם הכל מכיסו וממטיבֿ כספו :

**ד**

דש קיין גבאי זאל גמאכֿט ווערדן דער ניט ל״ו שנים אלט איז . אונ׳
דער נאך קיין גבאי צדקה איז גוועזין . זאל צו קיין פרנסותֿ קענין
גרייכֿין אם לא שיהיו בן חמשים שנה . אונ׳ זאל צום וויניגשטי אויף
דרייסיג פלעטין גיטאקסירט זיין :

**ה**

דש קיינר צו קיין התֿמנותֿ של קהל זאל קענין גמאכֿט ווערדין דיא
קיין אייגיני שטאט האבין בביתֿ הכנסתֿ הגדולה . אך דיא זעלביגי
צייט דיא גיוואונטליך זיין מדי שנה בשנה דיא מעסין אונ׳ יאר מארקין אין
פֿרעמדה מדינותֿ צו הלטין . דיא זאלין צו קיין התֿמנותֿ של קהל גרייכֿן :

אם

[2r]



אם לא דש דיא זעלביגי איין שבֿועה וואלן טאן . זוא לנג אלש זיא זאלכֿיש
התֿמנותֿ של קהל בדינן . הירידים והשוקים ניט ווערין נאך ציהן :

**ו**

דש מן קיין צייט זאל מאכֿין צו אייניגי התמנות של של קהל דיא איין
סעסיע גיטאן האבין . אודר פלטה גמאכֿט ואפֿילו דיא מיט אירה
קרעדיטעריס פֿאר אקורדירט זיין . אונ׳ נאך פיל וויניגר זולכֿי צייט דיא
פֿון השררה יר״ה איין שאנדאל אודר חרפה איז אן גיטאן ווארדן . הן
בצינעא . והן בפֿרהסיא :

**ז**

דש הגבאי צדקה זאל מחוייב זיין אלי דיא אין קומשטן פֿון געלטיר
אין צו פֿארדרין אונ׳ דיא הוצאותֿ דר פֿון צו טאן . אונ׳ ווען דער
גבאי ווערט אב גין . זוא איז ערשט מחוייבֿ (חשבון צדק בביתֿ הכנסתֿ)
אב צו ליגין . אונ׳ פרנסים זאלין מחוייב זיין דיא זעלביגי חשבונותֿ
בהשגחה פרטיותֿ נאך צו זעהן . אודר איינום בוחר זיין דער זאלכֿי
חשבונתֿ מקטן ועד גדול נאך זעהן זאל :

**ח**

דש הגבאי צדקה וגם שארי הגבאים . זאלין מחוייב זיין הכֿנסתֿ
של קהל יצו זעלברט איין צו פֿאדרין . ובאם הגבאים יהיה מי שיהיה
הכֿנסתֿ של קהל על ידי אחרים מעכֿטין לאזין איין פֿאדרין . מוזין הגבאים
הנ״ל פאר אלי אחריותֿ גוט שטין אונ׳ צו פאר ענטוורין האבין :

**ט**

דיא פרנסים זאלין גימאכט ווערין הנהוג וכתיקון הראשון דהיינו
לילה הראשונה של חול המועד דסוכותֿ זאלין הפרנסים צו אננדר
קומן אויף קהלש שטוב . אונ׳ זאלין פאר זיך נעמן הפנקס וואו אלי יחידים
הקהילה אין שטין . אונ׳ דא ארויז זאלין זיא בוחר זיין על פי רובֿ הדיעותֿ
אנשים כשרים ומהוגנים . אבר דיא לכֿל הפחותֿ אויף צוואנצין פלעטין
גטאקסירט זיין . אונ׳ אירה שמותֿ אויף זוא פֿיל בריבֿכר זאלין גשריבן
ווערדן . אונ׳ דיא זאל מן אין איין ביקס ווערפֿין . אונ׳ אויז דיא ביקס
זאלין כ״ה אנשים כשרים גצאגין ווערדן דיא קיין קרובֿים זיין . אונ׳ דען
זאל מן דיא כ״ה אנשים אין איין אנדרין ביקס ווערפין . אונ׳ דא ארויז
זאלין גצאגין ווערדן ז׳ אנשים . דיא זאלביגה ז׳ אנשים זאלין דען בוחר
זיין ג׳ פרנסים על שני שנים . וגבאי צדקה על שנה אחתֿ דהיינו באופֿן

א ב 2 1
וויא

[2v]

תקנות הקהילה

וויא פֿאלגט . בראשון זאל איין איטליכֿר פֿון דיא ז׳ אנשים זיין דעה פֿון
ג׳ פרנסים אונ׳ גבאי צדקה בזונדר אויף איין פאפיר זעצין . אונ׳ וייל
זיא איר דעותֿ שרייבן זאל איינר מיט דעם אנדרין ניט רידן . אונ׳ דיא
פאפירן זאלין אין איין גישלוסני ביקס גווארפֿין ווערדן דיא דארצו ברייט
וערט זיין . אונ׳ דיא שליסיל פֿון דיא זעלביגה ביקס . זאל זיין אין
הענדין פֿון דיא אלטי אונ׳ אב גינדי פרנסים וועלכֿי באותֿו פעם ווערדן
ביחד זיין . דיא זאלין זיין אין איין בזונדר חדר . אונ׳ ווען ז׳ אנשים הנ״ל
אירה דעותֿ שון אין דיא ביקס גיווארפֿן האבן זאלין זיא גין אצל הפרנסים
אל המקום המיוחד וואו דיא ביקס זאל גיעפֿנט ווערדן . אונ׳ דיא פרנסים
וגבאי צדקה וועלכי דעותֿ האבין זאלין אויף גשריבן ווערדן . אונ׳ דארויז
בוחר צו זיין וועלכי דיא רובֿ הדעותֿ צו פרנסים אונ׳ צו גבאי צדקה האבין .
אונ׳ ווען איינר גלייכֿה דעותֿ מעכֿט האבין זאל מן גורל ווערפֿין אוב דער
זעלביג זאל פרנס זיין אודר גבאי צדקה . אונ׳ דער פרנס החודש זאל
דיא דעותֿ בייא זיך אין פֿאר וואורונג נעמן ביז מן פֿאר זיכֿרט איז דש זיא

איר פרנסוׄת ווערדן רעכׄט פֿערדיג  אן נעמן . אונ׳ דער גבאי צדקה
זיין גבאוׄת :

**י**

מאחר הסדר גוועזין איז דש אלי צייט בייא התׄמנוׄת של פרנסים
וגבאי צדקה האב״ר דער בייא איז גוועזין . אלזו האט מן פֿאר גוט
גפֿונדין אום אדונינו מורינו ורבינו הטירחא אב צו נעמן . דש ערש ניט
בדארף אליין אז אונטר ריכׄטונג צו געבן (מי ומי הן הקרובׄים והפסולים)
וועלכׄי ניט ראוי זיין באיזה התמנוׄת של קהל צו דינן . דא מיט דש זיא זיך
קענין דער נאך סומך זיין . אבר אדונינו מ״ו מאג וואול ווען עש אים
בליבט דר בייא צו זיין . ווען מן דיא גשלאסני ביקס עפֿינט אום פרנסים
וגבאי צדקה צו מאכין :

**יא**

דאש קיינר פֿון דיא ז׳ אנשים זאל דארפֿין איין דעה צו פרנסוׄת
אויף זיך זעלבשטין שרייבן . (ואם יעבׄור על זה) . זאל ער מוזן
קנס געבן לצדקה ע׳ה זהובים . ואף על פי כן זאל זיין דעה דאך בטל
זיין . דאז ער קיין פרנס אודר גבאי
זאל קענין ווערדו :

אין

[3r]



**יב**

אין גיפֿאל ווען איין נייאר גיווילטר פרנס אודר גבאי צדקה זייני
בדינונג ניט וועלט אן נעמין . אלזו איז דער זעלביג ווייגרור מחוייבׄ
מיטלר וויל אן דען שמש אודר דען זעלביגי דער אים הפרנסוׄת אודר
גבאי צדקה ווישן לאזט אופֿנבאר צו מאכׄין . אנ׳ דער זעלביג דער נאך
אים רובׄ הדעוׄת גיהאט האט וויא דיא בריבׄכיס אויז ווייזן . הפרנסוׄת
אודר הגבאוׄת זאל מוזן אן נעמין . אונ׳ זוא פֿאר פֿאלגינש ווייטר זאל
גשעהן ווען נאך מער מעכׄטען זיין דיא זאלכׄי התׄמנוׄת ניט וואלטין אן נעמין
אזו זאלין דיא זעלביגי דיא זאלכׄי התׄמנוׄת ווייגרן ווערין . זוא וואול דיא
ערשט זיין נבׄחר גיווארדן אודר דיא זעלביגי דיא מן במקומם האט בוחר
גוועזין מוזן קנס געבן לצדקה מאה זהובים תוך שמונה ימים . אך דעשט
גלייכׄן דיא איר פרנסוׄת אודר גבאוׄת ניט פֿולקומליך ווענין אויז בדינין .
וכׄל זמן זיא דויזן קנס ניט אב גצאלט האבין . זאלין דיא זעלביגי ניט צו
גילאוזן ווערדן אין (בביתׄ הכנסתׄ) צו קומן :

**יג**

מן זאל דיא שמות פֿון דיא ג׳ פרנסים אין דיא ביקס ווארפֿין .
אונ׳ דער ערשטר דער ארויז גצאגין ווערט . זאל צום ערשטין
פרנס החודש זיין . וכן השני והשלישי :

**יד**

דיא אלטי פרנסים זאלן מחויבֿ זיין איין שבֿועה, אב צו נעמין. פון
דיא נייאה גוויילטה פרנסים אונ׳ גבאי צדקה (בפתֿיחתֿ ארון
הקודש) . דש זיא אירה בדינוג (באמתֿ ובישר בצדק ובמשפט וביראתֿ
אלהים) בלויבן הפרנסותֿ והגבאותֿ צו בדינין :

**טו**

דש קיין פרנס אודר גבאי צדקה זאל אין ג׳ שנים ווידר צום זעלביגי
התֿמנותֿ קענין קומן . דהיינו פֿון דיא צייט אן דש ער אב גיגאנגין
איז . דעשט גלייכֿן דר זיין פרנסותֿ אודר גבאותֿ גווייגרט האט אונ׳ זיין
קנס בצאלט האט . זאל אך אין ג׳ שנים צייט צו זעלכֿי התֿמנותֿ ניט קומן :

**טז**

דש בביתֿ הכנסתֿ הגדולה אזו עז מיגליך איז איין בזונדרי פרנסים
באנק זאל גמאכֿט ווערדן . אונ׳ וואו ניט זאלן זיא בייא אננדר
זיצן אויף דעם אלמעמר . דש זיא בייא פֿאר פֿלנדי זאכֿין דעשטא לייכֿטר
מיט אירה דעותֿ איבר איינש קענין קומן . אונ׳ זאלן זיצן לפֿי (מעלתם

ומדרגותם

[3v]

תקנות הקהילה

ומדרגותם) דהיינו הפרנס החודש אויף דיא ערשטי פלאטץ . אונ׳ ווען
ער ניט מין פרנס החודש איז . זוא זאל ער זיך זעצין נעבין דעם גבאי
צדקה דער אלי צייט זיין מקום קבֿוע האט . אונ׳ אזו פֿאר פֿאלגניש מיט
דיא אנדרי פרנסים איר אורטר אויף אונ׳ אב גין . דעשט גלייכֿן במקום
בית וועד שלהם :

**יז**

דש ב׳ פרנסים אלש אן זיא האלט זאלין אויז בביתֿ הכנסתֿ גדולה
גין אונ׳ זעצין זיך בבה״כ השני בקנס א׳ ר״ט לצדקה ווען ער אויף
זיין בהערנדי צייט דש ער בבה״כ השני גיהער צו זיין אונ׳ גיט בבה״כ
הגדולה זיין תפֿילה טאן זאל ער אידר מולט א׳ ר״ט קנס געבין . מלבד
הפרנס החודש זאל דא פֿון בפֿרייאט זיין . מאחר הפרנס החודש אלי

צייט זיין זיץ פלאטץ מוז האבין בבה״כ הגדולה . אונ׳ דיא ב׳ פרנסים
וועלכי בבה״כ הקטנה זיצן כל זמן התפֿלה . זאלין זיא אלי פֿאר פֿאלנדי
זאכֿין לפֿי מראותֿ עיניהם באמת ובלב תמים וביראתֿ אלהים אונטר
זוכֿין אונ׳ פֿאר ריכֿטן :

**יח**

התוועדתֿ הפרנסים זאל זיין ביום ראשון של השבוע כולם כאחד
אל מקום הקבֿוע להם על פי פקודותֿ של הפרנס החודש באיזה זמן
דש ער זיא ווערט לאזין פֿאר פֿאשט אן זאגין . אונ׳ דער זעלביג וועלכֿיר
דורך איין סבה אמתיותֿ ונכֿונה ניט מעכֿט קענין ארשיינין . זוא זאל דר
זעלביג ביקענט מאכֿין אן דען פרנס החודש . דש ער דען דעם הינטרשטן
אב גיגאנגין פרנס במקומו לאזט אנטביטן . אונ׳ אין פלאץ פֿון דעם
גבאי משנה העבר על פי הגורל :

**יט**

אונ׳ ווען עש מעכֿט גבירין דש דער פרנס החודש מעכֿט לאזין
אן זאגין אן דיא רעגירינדי פרנסים אודר גבאי עש זייא אויף
איין פֿאשטי צואזמין קומסט אודר זונשטן איין עקסטרא אורדינארי צו
אזמין קומשט . אונ׳ דש זעלביג זונדר איין אויף ריכֿטיג פֿר ענטפֿרונג
מעכֿטי ווייגרין . זוא זאל ער כל פעם אלז ער פֿאר זוכֿט ווערט צו קומן .
אונ׳ ניט קומט זאל מוזין קנס געבן עשרה ר״ט לצדקה . דעשט גלייכֿן
זאל גשעהן ווען דער לעטצטיר אב גיגאנגין פרנס אודר צדקה גבאי דער

במקומו

[4r]



במקומו אנטבאטין ווערט . אונ׳ אך מיט איין תירוץ אונ׳ זאלטי אך ניט
ארשיינין כה״ג עשרה ר״ט פֿאר אידר מאל אלז ער אנטבאטין ווערט אונ׳
ניט קומט יוד רייכֿש טאליר פֿאר פֿאלין זיין :

**כ**

דש דער פרנס החודש בעצמו ובכֿבודו איין פֿאר פֿאלנדי אקסיע
זאל פראפונירן . ובאם איין אנדרר פרנס אודר גבאי צדקה העט
אייניגי זאכֿין אויף צו טראגין . זאל ערש מתחלה דען פרנס החודש צו
קענין געבין אונ׳ ער זאל עש דען פראפונירין :

**כא**

כל אחד ואחד איז מחוייב איבר דש גיפראפונירטה זיין דעה צו

זאגין אונ׳ ניט פון קהלש שטוב צו גין אויז דר פֿאר זאמלונג דער
פרנסים . בלתי הורמנא ורשותא של פרנס החודש . אונ׳ אך דיא
בשלאסני זאכֿין ווערכֿי על פי רובֿ הדעותֿ גשעהן איז אונטר צייכֿנט מוזן
ווערדן . אונ׳ בייא מאנקימענט זאל פֿאר פֿאלין זיין עשרים ר״ט לצדקה
ווער דיא ג׳ פונקטין איבר טרעטין ווערט :

**כב**

דיא פרנסים זאלין פֿולמאכֿט אונ׳ פֿולקומל כֿה פֿרייאהייט אונ׳
אויף ריכֿטיגי קראפֿט האבין . איבר זאכֿין וואש לביתֿ הכנסתֿ
דיפענדירט אויף זאלכֿי קונדיציאן אלז פֿאר מעלד איז . דאש אלז זאל מוזן
בשלאסין ווערדן מיט קומפלעטי פֿאר זאמלונג . אונ׳ דען דר בייא נאך
על פי רובֿ הדעותֿ . אונ׳ קיינר זאל זיך דר וועגין קעגין זולכֿין בישלוס
קעגין צו רידן אונ׳ זיך כלל וכלל ניט דארפֿין פורש זיין מן העדה השלימה .
אודר איין ביתֿ הכנסת פֿאר זיך זעלבשטן אן צו שטעלין . אודר קיין פֿאר
הינדרונג אודר קומפלאט געגין קהל אונ׳ עניים צו מאכֿין . בעונש אם
יעבֿור על זה בחרם הגדול . אונ׳ זאל פֿאר פֿאלין האבין קנס אלף זהובים
לצדקה חק ולא יעבֿור . ולא זו בלבֿד וועז זיא שון איר פֿור פֿאלני קנס דהיינו
אלף זהובֿים בצאלט האבין . אעפ״כ הקנס לא יפֿטור אתֿ החרם . אונ׳
זוא לאנג אשמת החרם על כתֿפֿם טראגין . ביז הכתף הסוררת זיך
ווידר אום אונטר ווארפֿט תחתֿ פקודתֿ הקהל . אונ׳ אך קונטריבירט
לצורך העניים כשארי יחידי סגלה . אונ׳ מן איז מחוייבֿ שני פעמים דיזה
ארטיקל פֿון דען אלמעמיר לעין כל אב צו לייאנן פעם אחד קודם ראש
השנה . ופעם אחד קודם ניסן :

דש

[4v]

תקנות הקהילה

**כג**

דש קיינר בקהילתֿנו וכי השייכֿים לה ניט זאל דארפֿין מנין מאכֿין
כ״א בשתי בתי כנסיותֿ או במקום אשר יבחרו להם הפרנסים
יצ״ו אודר וואו זיא רשותֿ האבין געבן . אויז גיזנדרט אן ט׳ באבֿ אודר
בייא איין אבֿל ב״מ . אודר אצל ההתֿן . אויז גינומן שבתֿ ניט . בקנס
יוד ר״ט לצדקה . מלבד בביתֿ של מורינו ורבינו יצו דא מאג מן כל השנה
הן בשבתותֿ והן בימים טובים שחריתֿ וערביתֿ מיט מנין מתֿפלל זיין .
דאך זאלין דיא זעלביגי אן שבתֿ אונ׳ יי״ט בבה״ה קומן . אונ׳ קיין בעל
הביתֿ דארף קיין מצוה אודר ניט עולה בתֿורה זיין בביתֿ הכנסת של
אב״ד בקנס חמשה רייכֿש שאליר :

**כד**

קיין בעל ביתֿ או אשתו זאלן דארפֿין גין אירי תפֿילה צו טאן בביתֿ
הכנסתֿ של ספֿרדים . בקנס ארבע רייכֿש טליר בכל פעם שיעבֿרו
ויבֿואו להתֿפלל שם :

**כה**

אלירלייא התמנותֿ חוץ מפרנסים הן אונטר גבאים אודר חתֿן
תורה אונ׳ חתן בראשיתֿ אודר זונשטן התמנותֿ זאלין אלי כסדר
וכֿנהוג הראשון בייא פֿאר זאמלונג אלי פרנסים אונ׳ דרצו על פי רובֿ
הדעותֿ מוזן גימאכֿט אונ׳ גיווילט ווערדן :

**כו**

פֿאר גבאי אין דיא האל זאל מן מוזן בוחר זיין איין בעל בית דער
בטוח איז אונ׳ דער גוטי נאמנותֿ האט אונ׳ מוז לכֿל הפחותֿ ל״ו
שנים אלט זיין . אונ׳ מוז אך ששה שנים איין בעל ביתֿ אין דיא קהילה
גיוועזט זיין . ובאם איינר זאלטי ווייגרן אום האל גבאי צו זיין . זאל ער
פֿער פֿאלין זיין קנס לצדקה שבעים וחמשה זהובים דש זעלביגי קנס זולין
אך מוזין געבן אלי דיא דר נאך זיין נבֿחר גיווארדן אונ׳ ניט ווען אן נעמן
ביז איינר זיין ווערט דער זולכֿיש בדינן ווערט :

**כז**

חתן תורה וחתֿן בראשית זולין מחוייבֿ זיין זוא וואול בביתֿ הכנסתֿ
הגדולה אלז בביתֿ הכנסתֿ הקטנה על מקומם הראוי להם צו זיצן .
וואו עש גיאורדנירט ווערט ווערדן . (בקנס חמשים זהובֿים לצדקה) .
אונ׳ ווער חתן תורה אודר חתֿן בראשית ניט ווערט אן נעמין זאל פֿאר
פֿאלין זיין מאה זהובֿים לצדקה . אונ׳ זאל אים דאך ניט צו גלאין ווערדין

לביתֿ

[5r]



לבית הכנסת צו קומן . ביז ער הקנס עד גמירא גצאלט האט . אך איז
חתן תורה אונ׳ חתן בראשית הן בכה״כ גדולה . או בנ״הכ קטנה .
מחוייב מנדר צו זיין לצדקות כראוי לפי תיקון הישן :

**כח**

דיא פרנסים זאלן בוחר להחברה הקדושה של לומדי תרה שלשה
גבאים דהיינו שנים מהם זאלן אויז החברה הקדושה לומדי תורה
גמאכט ווערדן . וועלכי כל שנה על פי נדבת לבם עשרה ר״ט דא צו

געבין . אבר דען דריטה גבאי זאלן הפרנסים מעגין איין שטעלין לפי
רצונם הטוב. ווען ער שון קיין יחיד אין דר חברה איז :

**כט**

אין דיא שלשה גבאים זאל מן איבר ליברן אלש וואש מן מנדר איז
אין איר חברה הקדושה אונ׳ פון זאלכי הכנסה זאל ווערדן בצאלט
ג׳ אנשים הידועים להאלופים פרנסים יצו כל אחד ואחד ארבעה זהובים
לחודש . אונ׳ דש מותרות זאל ווערדן אויז גטיילט אונטר דיא לומדים
וועלכי בבית המדרש של אדונינו מורינו ורבינו הגאון הגדול יצו יום ולילה
תורה לערנין לשם שמים. ובאם חס ושלום איינר מו השלשה אנשים
של לומדי תורה מעכט אב שטערבין. זוא זאל החלק של הנפטר ווערדן
אויז גטיילט להלומדים וועלכי אין דיא קלויס לערנין אונ׳ פרנסים יצו זאלין
מחוייב זיין ליתן להם לבעלי בית המדרש של קלויז מאה וחמשי׳ טונין טארף
בכל שנה ושנה גם ב׳ פאם בראנט האלץ . גם זאלין פרנסים גוטי זאריג
טראגין דש זיא זאלן מאכין ווען דיא זעלביגי אין גיברעך מעכטי בלייבן
דש דיא איר פאר שפראכני געלטיר לסיועת של בית המדרש ניט בצאלן
דש מן זיא זאל מאכין בדין תורה בצאלן :

**ל**

הפרנסים זאלן בוחר זיין פאר החברה הקדושה של תלמוד תורה
שני גבאים אן דיא זעלביגי איר הכנסה זאל ווערדן איבר ליברט
אונ׳ דא פון איין מלמד הגון דינגין דער מיט דיא קינדר וועלכי ביקוואם
זיין דש זיא וואול הלכה תוספות לערנין זוא זאלדר ר׳ באמת ובישר לערנין .
אונ׳ ווען ריזה תלמידים זוא ווייט בייא דעם מלמד קומן זיין דש זיא וואול
איין הלכה קענין לייאנין. זוא זאלער דען אין דיא קלויז קומן צו לערנין
אונ׳ מורינו ורבינו יצו ווערט השגחה פרטיות על המלמד ותלמידיו הבין :

ב א 1 2
הפרנסים

[5v]

תקנות הקהילה

**לא**

הפרנסים יצו זיין מחוייבֿ כל שנה אלי דיא אייניגין בדינוג פֿון קה[ל]
האבין צו אונטר זוכֿין אונ׳ חוקר ודורש צו זיין אוב זיא אירי בדינוג
באמונה גטאן האבין . אונ׳ ווער איין (עולה או דבר שלא כהגון) אונטר
דיא זעלביגי בפונדין ווערט . אזוא זאל מן דיא זעלביגין פֿון אירי שירתֿ

קאסירן . אונ׳ אנדרי במקומם צו נעמן . פאלגניש דען אלטין סדר
כמבֿואר בסימן נ״ח :

**לב**

ידעשט גלייכֿן זאלין הפרנסים מחוייבֿ זיין בכל שנה ושנה בחודש
חשון דיא צעטיל וואו אלי עניים אויף שטין דיא פֿון קהל אונטר הלט
האבין וואול צו איבר זעהן אונ׳ אוב אך ניט איינגי עניים מרודים דרונטר
זיין דיא שלא כהגון גיטאן האבין . אודר וועלכֿי ניט מין ניטיג האבין מן
הצדקה צו גניסן אונ׳ דיא זעלביגי אויז צו שטרייכֿן . אך צו זעהן וואש פֿאר
חויז גזינד פֿאר מערט אודר פֿאר מינדרט אודר אויז גישטורבין איז אום
דיא זעלביגי צעטיל צו פאר אנדרין :

**לג**

היה מי שיהיה יחיד אודר איין פֿרעמדיר דער אויז דיא צדקה מן
קהל גנאסין האט אונ׳ קומט צו שטערבן . זונדר פֿרויא אונ׳ זונדר
לידיגי קינדר נאך צו לאזין . זוא זאל מן פֿון דען זעלביגין זיין עזבון אודר
נאך גלאזני גוטרין דיא זעלביגי סומא דיא מן בפֿינד דש ער פֿון דיא צדקה
גנאסין האט אין האלטין :

**לד**

אלי יחידים אשר בקהילתֿינו זיין מחוייבֿ צו געבין כל שנה ושנה פֿור
אידר פלעט זא פֿיל אלש אינין איז צו גליגט ווארדן ח׳ בש לצורכֿי
הקהילה זאל בצאלן . היא קעגין זאלין זיא קענין אב רעכֿנין דש מצותֿ
געלט וואש זיא גיקויפֿט האבין פֿאר זוא פֿיל אלש אינין איז אויף גליגט
דש פלעטין געלט צו געבן . אבר ניט מין אלש איר ערך אויז ווייזט . אונ׳
וועו ער ווינגר גקויפֿט העט אלש זיין ערך פֿון דיא פלעטין בטראגין . זאל
ער דאך זיין פלעטי געלט וויא ער איז גטאקסירט ווארדן עד גמירא .
מוזין בצאלין . אונ׳ זולכֿי אברעכֿנוג זאל גישעהן קודם כלותֿ השנה אונ׳ דיא
יעניגי דיא אין גיברעך מעכֿטין בלייבן . זאל מן דיא זעלביגין דר צו מוזין
צווינגין אונ׳ ניט בבה״כ דארפֿין קומן ביז זיא עד גמירא בצאלט האבין :

דיזה

[6r]

תקנות הקהילה ו

**לה**

דיזה בלאשטונג פֿון פלעטין געלט זאל זיין אנפֿאנג האבין מן היום
ר״ח אייר שנתֿ תעא עד ר״ח אייר שנתֿ תע״ד לפ״ק . דהיינו ג׳

שנים רצופֿים . אונ׳ דיא פרנסים זאלין ג׳ חדשים פֿון צו פֿארין אי דיא
ג׳ שנים אויז זיין זיך ביחד ארשיינן אונ זאלין אין דיא ביקס ווערפֿין דיא
שמותֿ פֿון דיא פרנסים אונ׳ גבאים וועלכֿי גיוועזן זיין . אונ׳ אויז דער
זעלביגי ביקס זאל ווערדן גיצוגין י״ב אנשים כשרים וועלכֿי קיין קרובים
זיין דיא איינר דען אנדרין ניט פסלת כפֿי דתֿ תורתנו הקדושה . דיא
זאלין ביחד מיט י״ט אנשים קומפלעט זיין . אונ׳ דיא י״ט אנשים כשרים
זאלן בשליסין על פי רובֿ הדיעותֿ אוב דיזה בלאשטונג מן ח׳ בש כל פלעט
זאל ווייטר מוזין גהאלטין ווערדן אונ׳ פאר בעשרין אודר גאר צו ניקש זאל
גימאכֿט ווערדין :

**לו**

אום ווידר אום דיא פלעטין וואו אויף דיא יחידים גטאקסירט זיין
מחדש זיין צו פֿאר זעהן אונ׳ איין אידר רעכֿט אונ׳ ביליך צו טאן .
אזו זאלן דיא פרנסים אויז דיא גיטאקסירטה יחידים על פי גורל הרויז
ציהן ששה אנשים כשרים וועלכֿי קיין פסולין מחמתֿ קורבֿה זיין כפֿי דתֿ
תורתֿינו הקדושה וואו פון ב׳ היחידים וועלכֿי על ששים פלעטין ולמעלה
גטאקסירט זיין זאלן מוזין גצאגין ווערדן ב׳ פֿון דיא זעלביגן דיא על
שלשים פלעטין עד ששים גטאקסירט זיין . ב׳ פֿון דיא זעלביגי דיא על
ט׳ ועד שלשים פלעטין גטאקסירט זיין . וועלכֿי צו זאמין עם הפרנסים
וגבאי י״ג אנשים אויז מאכֿט . אונ׳ דיא י״ג אנשים זאלין ע״פ רובֿ הדיעותֿ
טאקסירן לפֿי מראותֿ עיניהם באמתֿ ובצדק אונ׳ זאלן דיא ששה אנשים
פֿור ערשט בפֿני הפרנסים איר שבֿועה אב ליגין דש זיא בלובין איין אידר
יחיד צו טאקסירן נאך איר אמתיותֿ באמתֿ ובישר ולהיות יראתֿ ה׳ על
פניהם דש אלז זאל כראוי ונכֿון גישעהן :

**לז**

דיזה איבר זעהונג אונ׳ אויף זיכֿט פֿון דיא פלעטין זאל מוזן גישעהן
לאחר כלותֿ השלשה שנים . כל ג׳ שנים פֿור פֿאשט אונ׳ גוויש .
אונ׳ אלז בארדנענט צו בוך שטעלין בייא דיא נאמנש פֿון איין אידר המספר
פֿון דיא פלעטן דיא מן אים טאקסירט צו האלטין זאל אויז פֿירליך אן
גצייכֿנט ווערדן . אונ׳ אונטין אן דיא ליישט . זאלן זיך מוזן חתֿמנן דיא

ב ב 2 2
שלשה

[6v]

תקנות הקהילה

שלושה עשר אנשים כשרים דש דורך קיין אנדרין קיינה פֿאר אנדרונג
גשעהן קאן :

**לח**

איין לעדיגר פארשון דער זיין פֿאטרש קאשט ניט עסט . אונ׳
טרייבט משא ומתן . דר זאל זוא וואול גהלטין זיין דיא צדקה צו
קונטריבירן אלש איין יחיד . דהיינו וועז ער כף שנים אלט איז . אונ׳ דער
זיין פֿאטרש קאשט עסט זאל עד כ״ה שנים פֿרייא זיין . אבר מן כ״ה
שנים ולמעלה מוז ער קונטריבירן צו דיא צדקה :

**לט**

איין פֿרעמדיר דער ביגערט איין יחיד אין דיא קהילה צו זיין .
דר זעלביג זאל אן גנומן ווערדן על פי רובֿ הדיעותֿ של הפרנסים
אונ׳ זאל בצאלין פֿאר זיין איין נעמין פֿאר איין יחיד מאה רייכֿש טאליר :

**מ**

דער חזן זאל ניט דערפֿין אן היבן צו אורן פֿון זיך זעלבשטין . רק
דער פרנס החודש זאל אים אויף דיא גזעצטי שעה אורדר געבן
אן צו היבן . אונ׳ וועז דר פרנס החודש ניט דא ווער זוא זאל דער פרנס
דר נאך אים פרנס החודש ווערט דען חזן אן זאגין דיא תפֿילה אן צו היבן .
אונ׳ אלש ווייטר פֿון דיא פרנסים דיא זיך אין ביתֿ הכנסתֿ בפֿינדן . אודר
פֿון דעם גבאי צדקה וועז פרנסים ניט בב״הכ זיין . אונ׳ דר זעלביג חזן
דר דען אן היבן ווערט זונדר אורדיר פֿון פרנס או גבאי וועז קיין פרנס
שולן איזט . דר זעלביג חזן זאל פֿאר איין חודש אב גיזעצט ווערדין אונ׳
פֿאר דען זעלביגין חודש קיין שכֿירותֿ צו גניסן :

**מא**

הפרנסים זאלן בצירוף אדונינו מורינו ורבינו דיא תפֿילותֿ פֿון
ימים נוראים אויז טיילן :

**מב**

מן זאל מכיסם של היחידים פֿאר יום כיפור לאזין מאכֿין י״ב
קערצין . דאש זאל פֿאר שטרעקין פֿאר אלי יחידים . אונ׳ קיין
פרנס  אודר יחיד זאל ניט דערפֿין איין בזונדרי קערץ אין שול ברענגין
אויף יום כיפור . מאר דער פרנס החודש אונ׳ דער גבאי זאלין איין אידר

יחיד בלאשטין מיט זולכֿיר סומא אלש גרעגולירט איז בייא דיא אלטי
אורדינאנציא פֿון דיא ביליעטן :

שבת

[7r]

חקנות הקהילה ז

**מג**
שמחת תורה זאל דער פרנס החודש סגן האבין . דעשט
גלייכֿן זאל ער סגן נעמן וועו סגן ניט ואר קויפֿט וועדט .
אונ׳ אן (שמחת שורה) זאל דר פרנס החודש לאזן אויף רופֿין כהן ולוי
וויא עש אים גוט דונקט אונ׳ הגאון אב״ד ור״מ פֿאר שלישי אונ׳ דר נאך
הרבֿ אב״ד מראטרדם כמוה״רר ליב אונ׳ ד׳ אנשים מכֿובדים וגבאי צדקה
ובבית הכנסת הקטנה למעלה זאל דער ערשטר פֿון דיא ב׳ פרנסים דיא
באותו פעם איר גבירליכֿי צייט איז דארטין צו זיצן סגן האבין . אונ׳ זייני
חבֿרים דיא בייא אים זיצן לאזין אויף רופֿין . דען פרנס אונ׳ ג׳ אנשים
מהוגנים יחידים ושני גבאים :

**מד**
דער עולה לתורה איז דר מוז אין פֿיר צדקות מנדר זיין . דהיינו
ת״ת לומדי תורה ביקור חולים בנין בית הכנסת . אונ׳ דער ט״ו
פלעטין האלט ולמעלה . דארף ניט ווינגר מנדר זיין אלש ב׳ בש לכל צדקה
וצדקה הנ״ל . אונ׳ וועו מן חזנים אודר שמשים מנדר איז בבית הכנסת
הגדולה זאל מן ניט דש ווארט פֿון חזן שמש מזכיר זיין . רק צריך להוציא
בשפֿתיו חזנם שמשים בכלל . ומי שיעבֿור על זה יענש החזן ב׳ ר״ט בכֿל
פעם ופעם לצדקה אונ׳ זאלן דאך מוכֿרח זיין לחלק בשוה . וכן הדין חוץ
לב״הכ דש דיא מיינונג איז וואש מן זיא מנדר איז אן חזנים או שמשים של
בית הכנסת הגדולה חלק כחלק יחלוקו :

**מה**
כל מה שמנדרים בבתי כנסיות הקטנים לחזנים או לשמשים
הערט צו דיא חזנים אונ׳ שמשים דיא צו דיא שול גיהערן . אונ׳
וועו איין חזן או שמש של ב״ה הגדולה מעכֿטין בערמה אום גין דהיינו ער
מעכֿט איינגרלייא ערמה מיט איין בעל בית אן שטעלן מחמת שנדר געלט
באיזה אופֿן שיהיה זוא זאל ער פֿון חזנות או שמשות גיקאסירט ווערדן :

**מו**
החברה של ת״ת זאלן בלייבן בחזקתם וכמשפטם כמקדם . רק
אין פלאץ דש מן זיא מקדם האט גהיישן חבֿרה של ת״ת זאל מן

זיא מהיום והלאה הייסן חבֿרתֿ עץ חיים . דיא אין דיא חבֿרה זיין אונ׳
עולה לתורה זיין . דיא זעלביגי זיין מחוייבֿ מנדר צו זיין להחבֿרה הנ״ל :
הנקראתֿ מהיום והלאה עץ חיים . אונ׳ ווער קיין יחיד בתוך החבֿרה איז
איז ניט מחוייבֿ דאריין מנדר צו זיין :

פֿון

[7v]

תקנות הקהלה

**מז**

פֿון ברוך שאמר אן ביז נאך שמנה עשרה זאל מן קיין דבֿרים
בטלים רידן . אונ׳ קיין שנופף טובק מחלק לחבֿירו צו זיין או לקבל
מחבירו צו זיין . קיין כתֿבים בב״הכ צו לייאנין . אונ׳ קיין כתֿבים אויז צו
טיילן . אך מיט קיין ספֿרים אין שול הרום צו גין צו פֿאר קויפֿן . ומי
שיעבֿור אחתֿ מכל אלה יענש א׳ זהוב בכל פעם ופעם :

**מח**

דער איינום דבֿרי גנאי וזלזול אודר מרים יד על חבֿירו איז בב״הכ
אונ׳ יעניר מעכֿט אים ניקש ווידר מישבֿ זיין . אונ׳ מעכֿט זולכֿיש
קומן אן קלאגין להפרנסים זאל ער מוכֿרח זיין מיד חוץ לב״הכ צו גין . אונ׳
אי ער ווידר מאג אין ב״הכ קומן זאל ער צו פֿארין קנס געבן עשרה ר״ט
לצדקה . אונ׳ ווען איינר זיין חבֿר מעכֿט שלאגין בב״הכ זאל מן אים מיד
מחרים זיין אונ׳ זאל ניט איער אויז דען חרם גיטאן ווערדן . עד שיתן
קנס לצדקה עשרים ר״ט . ובאם יעניר מעכֿט מישבֿ זיין בדבֿרי גנאי וזלזול
זאל ער ג״כ חוץ לב״הכ מוזן גין . ובאם ער מעכֿט ווידר שלאגין זאל מן
אים אך מחרים זיין . אונ׳ דר זעלביג דער דבֿרי גנאי ווידר מישבֿ איז
אודר זיין חבֿר ווידר אום שלאגט . זאל דיא העלפֿט מוזין צאלין וואש דער
מתֿחיל מוז קנס געבן . אונ׳ נשים וועלכֿי זיך בב״הכ שעלטין זאלן אין א׳
חודש ניט דערפין שולין קומין . אונ׳ ווען זיא זיך שלאגין זאלן זיא אין ג׳
חדשים ניט שולין קומין . אונ׳ זאלין גיקנסת ווערדן וויא הפרנסים עז גוט
פֿינדן ווערדן :

**מט**

בביתֿ הכנסתֿ הגדולה זאלן לא יותֿר אלש ב׳ חזנים זיין . אונ׳ אין
דיא אנדרין שולן לא יותֿר כי אם אחד אונ׳ קיין פנוי זאל קיין חזן
זיין ניט פֿאר אוביר חזן אודר אונטר חזן מיט שכֿירותֿ אין קיין שול :

**נ**

דעם חזן דען זיין וואוך איזט צו אורין . מוז רביעותֿ שעה קודם

זמן הקבוע להתפלל בב״הכ זיין . ובאם שיעבור על זה זאל ער
א׳ חודש אב גיזעצט זיין אונ׳ קיין שכירות פון דען זעלביגין חודש צו גניסן :

**נא**

דער חזן זאל ניט מעגין זינגין אן שבת פשוטה פון ברוך שאמר
אן (עד אחר קדושה ראשונה) אונ׳ זאל מיט קיין זינגר מתפלל
זיין אם לא ברשות וידיעת פרנסים . (ואם עובר על זה בכל פעם
ופעם יתן ארבעה ר״ט קנס לצדקה :

פאטיר

[8r]

תקנות הקהילה ח

**נב**

פאטיר אונ׳ זון דארפין ניט צו גלייך בזמן אחד חזנים זיין . אונ׳
וועלכיר פרנס דער זולכיש ווערט פאר שטעלין . זאל ער מוזין
קנס געבין חמשים ר״ט . אונ׳ ווען ער שון אן גינומן ווער זאל אלש בטל
ומבוטל שיין :

**נג**

דעם חזן וועלכיר זיין וואוך איז אום צו אורין זאל ער דיא סדרה
של אותו השבועה עם הסופר מעביר זיין אין דער ס״ת כדי דש
קיין טעות זאל גיפונדן ווערדן . ובאם יוא איין טעות מעכט גיפונדין
ווערדן יתן החזן זהו׳ אחד לצדקה . והסופר למד בש פאר אידר טעות .

**נד**

למנצח זול קיינר דארפין זאגין אלש איין אבל . אבר איין יאר
צייט איז דוחה דען אבל . ומוהל שניהם נדחים מפניו . קיין
יונגר זאל קיין למנצח זאגין . אם לא ווען דר יונג מוהל ווער מאג ער זאגין :

**נה**

לדוד ברוך זאל קיינר אן היבן קודם החזן בקנס חצי ר״ט :

**נו**

קיין שטרות זאלין ניט ווערדן גשריבן אם לא דיא שני חזנים מוזן
דרונטר גיחתמנת זיין . ובעלי השטרות מוזין זיך ג״כ התמנן
אונ׳ דיא חזנים מוזן דארויף זאריג טראגין . אונ׳ בייא מאנקמענט דש
דיא חזנים ניט זולטין קענין דא בייא זיין אודר ח״ו קראנק ווערין אזו זולין
דיא אנדרין שני חזנים אויז דער צווייטא שול אונ׳ אויז דער דריטה שול
במקומו מוזין זיין :

**נז**

דער בעל סגן זאל לא יותר מעגין אויף רופין אלש כהן לוי וארבע ישראלים . ובאם כהן ולוי חיובים ווערין זוא מאג דער בעל סגן ב׳ ישראלים במקומם אויף רופין .

**נח**

הגאון אב״ד זאל כל שבת ושבת אונ׳ יום כיפור וכל מתנת יד צום שלישי איין חיוב זיין . אונ׳ ווייטר זיין חיובים יולדות . דער איין חתן איז אונ׳ גיבט דיא מתנה . וגם שבת קודם החופה ולאחר החופה וביום חופתו . וסנדק . ובר מצוה יונג :

**נט**

יום טוב או ר״ה או י״כ להיות בשבת זיין קיין חיובים מלבד אב״ד :

**ס**

דער רעגירנדי פרנס דער איין חיוב איז . דען זאל מן גלייך נאך דען רב צו רביעי אויף רופין . אונ׳ ווען דר בעל עגן וויל איין פרנס

אויף

[8v]

תקנות הקהילה

אויף רופין דר ניט איין חיוב איז . זוא מאג ער אים נאך איין ערליכן מא אויף רופין רק קודם שביעי . ואם שיעבור על זה אז הבעל סגן יתן קנס ה׳ ר״ט . והחזן זאל פאר שבועה אחת נדחה זיין . אונ׳ קיין שכירות משבועה זו צו גניסן :

**סא**

דער איין חיוב איז זאל זיך ביום ה׳ אצל השמש אן זאגין אונ׳ דער שמש מוז עש לבעל הסגן מודיע זיין . כדי ער לפי כבודו קאן אויף גירופין ווערדן . אונ׳ דער בעל הסגן איז מחוייב דען חיוב לפי כבודו אויף צו רופין :

**סב**

דער בעל סגן איז מחוייב איין אידר לפי כבודו אויף צו רופין אונ׳ איין מורינו קודם כולם . בקנס שלשה רייכש טאליר :

**סג**

ווען מער אלס איין כהן או לוי חיובים ווערן . אלזו זאל דער פרנס

קיינום ניט דערפֿין מכֿבד זיין מיט אחרון או מפֿטיר בקנס עשרה
רייכֿש טאליר דעם פרנס :

**סד**

דר בעל סגן דארף קיין אנדרין במקומו שטעלין . אונ׳ דאריף קיין
חזן אודר שמש קיין סגן קויפֿן :

**סה**

דער בכאן וואונט אונ׳ איז קיין יחיד אין דר קהילה דעם דארף
מן ניט אויף רופֿין . חוץ איין פֿרמדן וועלכֿיר בקהלתֿינו קומט
אום זיינה זאכֿין צו פֿאר ריכֿטן מאג מן וואול אויף רופֿין . חוץ
מראש השנה ויום הכיפורים והושענא רבא ניט :

**סו**

בשחריתֿ בשבתֿ זאל מן קיין יונגר ניט אויף רופֿין חוץ ממפֿטיר
דיא ער מאג זעגין :

**סז**

דיא הפֿטרותֿ מן שלשה דפורענתא ושבע דנחמתֿא . ושנים
דתיובֿתא . וצום גדלי׳ והפֿטרתֿ בשלח ויתֿרו והאזינו . ושבֿועותֿ
דיא דארף קיין יונגר זאגין :

**סח**

הפֿטרותֿ חזון דארף קיין אנדרר זאגין אלז האב״ד בב״הכ גדולה :

**סט**

מן זאל קיינום מיט קיין חבֿר אויף רופֿין דער היא בעל ביתֿ איז
אודיר בחור בקהלתינו אודר אין קיינרלייא שטרותֿ בשם החבֿר
שטעלין אם לא ער זיא האט מן האב״ד שלנו דקהלתֿינו . זייא דען ער זיא

האט

[9r]

תקנות הקהילה ט

האט פֿון י״ב שנים אהער . (החזן והסופֿר שיעבור על זה יתֿן קנס
עשרה רייכֿש טאליר) :

**ע**

דער דא הגבה נעמט מוז פֿאר ג׳ עמודים פותֿח זיין על השלחן .
אי ער הס״ת מגביה איז . אונ׳ קיין יונג זאל קיין הגבהה נעמן
אם לא איין חתֿן :

**עא**

ראש השנה ושבת תשובֿה וי״כ זאל מן קהלש ס״ת אויז היבן . אונ׳
מן יחידים ע״פ הגורל פֿאר דיא זעלביגי ב׳ גורלותֿ זיין זאלין .
הא׳ בימי החול ושבתֿ והב׳ פֿאר ימים טובֿים . אונ׳ דיא ס״ת דיא מן
גילייאנט האט בביתֿ הכנסתֿ הגדולה . זאל מן דיא זעלביגי דיא פֿאלגינדי
וואוך אין לייאנין בביתֿ הכנסתֿ הקטנה :

**עב**

דעשט גלייכֿן זאלין גורלותֿ זיין פֿאר דיא פרוכֿתֿ פֿון יחידים .
גורל אחד לשבתותֿ והגורל השני לימים טובֿים . אבל ביום הראשון
של שלש רגלים זאל קהלש פרוכֿתֿ אויף גיהנגן ווערדן . אם חל בריתֿ מילה
בֿיום השבתֿ וי״ט זאל הפרוכֿתֿ מן הר״ר ליב עמריך דיא קדימה האבין
דהיינו כמקדם דער שמש מוז זאריג טראגין דש זיא קודם שבתֿ אויף
גיהאנגן ווערדן דהיינו של בעלי בתים ושל ר׳ ליב עמריך :

**עג**

ווער איין ס״ת מקדיש איז לקהל . דר זאל באותֿו שבת אלי דיא
מצותֿ בחנם האבין אבר וועז ערש ניט מקדיש איז מוז ער ה׳ ר״ט
פֿאר סגן געבן . אונ׳ ווען ער וועלט מין אלש ו׳ אנשים אויף רופֿין
זאל ער פֿאר אידרן אלש ער מין אויף רופֿט אלש ו׳ אנשים חצי ר״ט מוזין
געבין ווען שבתֿ אן י״ט גיפֿאלט יתן יוד ר״ט בעד סגן . חוץ מראש השנה
וי״כ זאל ער ניט קענין סגן האבין . רק מוז פֿאר קויפֿט ווערדן :

**עד**

איין קינד דש פֿאר דעם ערשטין מולט שולין קומט . איין עושר
דר משׁשים ולמעלה פלעטין האלט . דר זאל פֿאר עץ חיים צאלין
א׳ ר״ט . ומשלשים עד ששים חצז ר״ט . ומט״ו עד שלשים רבֿיעיתֿ ר״ט
ומפחותֿ מט״ו פלעטין הלט יתן א׳ שילונג :

**עה**

עש זאלן לא יותֿר אלש שני שמשים זיין האחד בב״הכ הגדולה והשני
בב״הכ הקטנה . אונ׳ קיין שמש זאל פֿור העכֿיר שכֿירותֿ אן גינומן

ג א 1 3
ווערדין

[9v]

תקנות הקהילה

ווערדן אלש ששה זהובֿים . אונ׳ קיין שמש זאל ניט על השלחן דארפֿין
שטין אם לא ווען ער המצות פֿאר קויפֿט . אלזו דש מהיום והלאה זאל
אלש אויז גירופֿין ווערדן אונ׳ אב גילייאנט על פי אותֿו שהחזן וועלכֿיר
שבֿועה זו ניט אורט :

**עו**

איין יחיד דארף לא יותֿר ברייאן אויף איין חתֿנה אלז ג׳ מנינים .
ועל בריתֿ מילה ט״ו אנשים ולא יותֿר . אונ׳ דער שמש מוז זאריג
טראגין ווען ער ברייאט לחתֿנה או לבריתֿ מילה דאש דער זעלביגי בעל
ביתֿ ניקש חייבֿ איז בצדקה . אונ׳ דער יחיד מאג נעמן צו ברייאן איזה
שמש שירצה . אונ׳ פֿאר אידר מנין אלש דער בעל הביתֿ לאזט ברייאן
מוז ער דעם שמש בצאלין ב׳ בש :

**עז**

איין חתֿן זאל בצאלין גלילה געלט חצי בארצענט פֿון דיא מאה .
אונ׳ ווען יותֿר אלש איין חתֿן איז מוזין זיא גורל ווערפֿן דר איינר
נעמט דען הגבהה אונ׳ דער אנדר גלילה . אונ׳ ווען יותר אלש שני חתֿנים
זיין . מוזין דיא זעלביגי דיא עש פֿאר שפילן אין דיא אנדרי שול גין . אונ׳
ווען חתֿנים אין דר הוך שול זיין . זוא מוזין זיא ווארטן (עד שבתֿ הבא)
אונ׳ מוזין זיך אן געבן שלושים יום לאחר ער איין חתן גווארדן איז . אונ׳
ווען ער זיך ניט אן גיבט . זוא האט ער זיין חריותֿ פֿאר לארין . אונ׳ מוז
דאך חצי למאה גלילה געלט בצאלין :

**עח**

דיא ב׳ חזנים מן ב״הכ הגדולה מיט איין שמש מן ב״הכ גדולה מוזן
אלי ציט בייא די חופה זיין :

**עט**

קיינר זאל זיך ניט משדך זיין למשומד או משומידתֿ . ובאם
שיעבֿור על זה אבד חזקתֿ הקהילה) :

**פ**

נאך דעם דש דער אב״ד קייני מתנותֿ מקבל איז . אונ׳ קיין פטק
געלט נעמט זוא ווערט פֿאר פֿאשט גישטעלט דש מן אים קיין מאל
זאל דארפֿין ווינגר געבן שכֿירותֿ לשנה אלש אלף ר״ט . אונ׳ דש מן דעשט
גלייכֿן זאל מן נאך קומן דש קונטראקט אשר ניתן לאדונינו מורינו ורבינו
בבֿוא והנה וועלכֿיש על פי פרנסים וטובֿים אונטר צייכֿנט איז :

**פא**

אן אדוניני אב״ד שלנו זאל גצאלט ווערדן התֿרה געלט עד אלף זהוּבֿי׳
א׳ למאה . ומן אלף זהובים ולמעלה א׳ רבֿיעיתֿ למאה :

און׳

[10r]

תקנות הקהילה                    י

**פב**

און׳ דארף זיך קיינר שבעולם דר וועגין התרה צו געבן אז דר רב
און׳ ווען דר רב ניט זאלט קענין . זוא זאלן פרנסים איינם
שטעלין דר קדושין געבן זאל . און׳ ווען איינר בלי רשות וידיעת הפרנסים
זאלכיש טאן מעכט זאל מן אים מחרים זיין :

**פג**

עש דארף קיינר קיין קדושין געבין זונדר בייא זיין פון דעם
פאטיר . ואם אין אב מוזין דיא נאהנשטי קרובים דר בייא
זיין . ומי שיעבור על זה זאל מן אים מחרם זיין בב״הכ . והעדים דיא דא
בייא זיין זאל מן גם כן מחרים זיין :

**פד**

עש זאל קיינר קיין גט געבן בלי רשות פרנסים . און׳ ווער
זולכיש טון ווערט זאל מן מחרים זיין און׳ מוז עשרה ר״ט קנס
געבן און׳ דיא עדים זאל מן אך מחרים זיין :

**פה**

דער קיין שטאט בב״הכ גדולה האט זאל מן זיין קינד ניט בב״הה
הגדולה מל זיין . און׳ מוז נימול ווערדן אין דיא הוף שול . און׳
קיין בן הזונה זאל מן ניט (מל) זיין באחת משתי בתי כנסיות :

**פו**

מן זאל קיינום (מל) זיין זייא דען ער מיזט מזרע ישראל זיין .

**פז**

קיין יחיד זאל ניט פאר מעגין אין ב״הכ פון קיינרלייא בנין משנה
זיין . און׳ קיין פלאנקי ניט הרויז צו נעמין . בקנס עשרה
ר״ט לצדקה . און׳ זאלין זולכיש כבראשונה אויף איר אייגינה הלוואות
לוזין מאכין אודר ווידר אין זעצין בתוך שלשה ימים :

**פח**
עש דארף קיינר קיין שטאט פאר קויפן אודר פאר הנדלן . רק
אויף זולכי מאניר גלייך אלש אים בראט יקאל בשריבן איזט :

**פט**
ווען איין פרעמדר רב הער קומט . זאל אים דר פרנס מוזן
האלטין י״ד ימים אויף זיין קאשטין . אודר צו מעגין ביסטעדן
אויף הפרנס זיין קאשטין בבית איש נכבד :

**צ**
איין פרעמדר רב דר אום איין דרשה אן הלט . זאל אים דיא
זעלביגי דרשה ניט ווערדן צו גישטאנדן אם לא בהסכמת האב״ד

והפרנסים
ג ב 2 3

[10v]

תקנות הקהילה

והפרנסים יצ״ו . אונ׳ דען ניט אנדרשט אלש נאך מיטאג :

**צא**
דיא חבֿרותֿ בתוך קהלתינו זאלין קיין אנדרין רבי האבין אלש איין
ב״ב אונ׳ גבאי אלש איין ב״ב בתֿוך קהלתֿינו . בקנס ששה ר״ט :

**צב**
מן זאל קיינם פֿאר ווערן פֿאר דיא עצה למשפט צו גין . אבר
ער מוז פֿאר פרנסים ערשט קענין . בהלבי חילוף כתֿבים אודר
ארעשטיר . דיא קיין צייט קענין פֿור זוימן . אונ׳ ווער קונטראריע טוט
יתן ארבע ר״ט לצדקה ווען ער ניט קומפרירט :

**צג**
דער שמש דארף ניט מער פֿאר איין שליחותֿ נעמין אלש א׳ בש .
אונ׳ ג׳ בש ווען ער איין ב״ד צו אננדר רופֿט :

**צד**
מן זאל מיט קיין יונגר הנדלן דהיינו ח״כ אובליגאציוס אסיגנאציוס
אודר זונשטן כתֿבֿים פֿון אים צו נעמין בקנס למד זהובים אונ׳ דיא
כתֿבים דיא ער פֿון דען זעלביגין יונגין תֿחתֿ ידו האט . דיא זולין בטל
ומבֿוטל זיין כחרם הנשבר . אונ׳ קיינרלייא זכֿיותֿ שבעולם צו האבין :

**צה**

זאל קיינר קיין פֿריש פֿלייש קויפֿן בויטן אונזר האל וועלכֿיש ניט
גשחטן איז משוחט דמתֿא שלנו . ובקנס וויא פרנסים ווערן
גוט פֿינדן . דאך לא יותֿר אלש שני מאותֿ זהובֿים . וכֿל זמן שלא פרע
הקנס זאל ער פֿאר קיין יחיד גירעכֿנט זיין . אונ׳ זאל בנעבן דש קנס אין
ג׳ שנים קיין מצוה דארפֿין האבין אודר אייניגרלייא התֿמנותֿ . דיזה
ארטיקל זאל מן ב׳ פעמים בשנה בב״הכ אב לייענין אחד פעם תוך ניסן
ואחד פעם קודם ראש השנה :

**צו**

איין יחיד דער וויל שחטן לאזן דר זאל מוזן שחטן לאזן דווקא על ידי
שוחט דמתֿא שלנו . אונ׳ מוז זא פֿיל רווחים אן קהל צאלין . אלש
קהל אן איר פֿלייש גווינט אין דיא האל :

**צז**

דיא אב פֿאלונג פֿון דיא בהמותֿ זאלן פֿאר פאכֿט ווערדן בייא דעם
שטיק . אונ׳ מן זאל אן דיא שוחטים איין בהערליכֿן לון געבן .

**צח**

מן זאל קיינם שענקין הן חתֿנים או אורחים . אונ׳ אן פורים זאל
איין יחיד ניט מין אלש אן ג׳ אנשים שלוח מנותֿ לאזין ברענגין :

איין

[11r]

תקנות חקהילה                    יא

**צט**

איין בעל ביתֿ דער עוקר דירתֿו איז אונ׳ וויל זיין חזקתֿ הקהילה
האלטן . אודר איין פֿרעמדיר דר חזקתֿ הקהלה וויל קויפֿן אונ׳
וויל חזקתֿ הקהלה בהאלטין זאל ער מוזן צאלין מידי שנה בשנה שני ר״ט :

**ק**

איין משומד דער דא קומט תשובֿה צו נעמין . זוא מוז ער אין דיא
שול לעיני כל העדה פֿאר ערשט הק״בה מחילה טון . אונ׳ מוז זיין
תשובֿה דיא אים איז אויף גיליגט ווארדן עד גמירא כהלכֿתֿו וכמשפטו
טאן . אונ׳ אין ג׳ שנים זאל ער קיין מצוה האבין . נאך פֿיל ווינגר איזה
התֿמנותֿ . אונ׳ דארף עולמותֿ פֿאר דיא (תֿבֿה) קומן צו אורין :

**קא**

עש זאל קיינר קיין יין או גבֿינה או בשר יבש או מלוח ג״כ ווערשט

אודר צונגין פֿאר קויפֿן . אם לא ער מוז איין כשר בריף פון דעם
אב״ד האבין בקנס עשרים ר״ט :

**קב**

עש זאל זיך קיינר דר וועגין צו שפילן אין וואש פֿאר שפיל וואש מן
נענין קאן שבעולם . הן במקום או חוץ למקום ב׳ שעותֿ . הן אום
געלט אודר זונדר געלט . רק פורים . חנוכה . חול המועד . אונ׳ ווען
קיין בעריש גהלטין ווערט . בייא חרם . אודר דא פֿאר צו בצאלן עשרה
ר״ט . בנעבין דען קנס זאל ער שנה תמימה ניט מעגין עולה לתורה זיין
אונ׳ אין ג׳ שנים צו קיין התֿמנותֿ דארפֿין קומן :

**קג**

עש זאל קיינר דערפֿין דישפוטירן פֿון אמנה זאכֿין . אודר פֿון
זיינה אמנה זוכֿין צו פֿאר פֿירן בקנס עשרים ר״ט :

**קד**

עש זאל קיינר דען אנדרין מעגין פֿאר וארפֿן . משומד או מסר
או פֿאליש עדותֿ זאגיר בייא חרם אונ׳ יוד ר״ט קנס :

**קה**

עש דארף קיינר קיין בריף פֿון דער פאשט אב הולין דיא אים
ניט צו גיהערט . בקנס ד׳ ר״ט . אונ׳ ווען ער הכֿתבֿ עפֿנין
ווערט זאל ער אין חרם זיין או עשרים ר״ט קנס :

**קו**

דער לידר או פאסקווילן אויף איינם מאכֿט . דער איז אין חרם .
אונ׳ זאל גיקנסת ווערדן לפֿי ראותֿ עיני הפרנסים יצו :

מן

[11v]

תקנות הקהילה

**קז**

מן דארף קיינם ניט מחרם זיין . אם לא דיא קולעשי של הפרנסים
ובצירוף הא״בד מוזן דער בייא זיין קומפלעט :

**קח**

דער אין חרם איז . דער מוז דוריך פרנסים ארויז גיטאן ווערדן
אונ׳ זונשטין ניט :

**קט**

זוא איינר פֿון דיא בדינטי של ב״הכ דיא רעשפעקט אין דז מינשטן מעכֿטין בינעמן קעגין איין פרנס או אב״ד או גבאי . זאל דער זעלביגר תיכף גיקאסירט ווערדין אונ׳ זאל כל ימיו ניט ווידר דארפֿין אן גינומן ווערדן :

**קי**

כל הקנסותֿ אין פֿאר מעלטי אויביגרי אורדינאנסיוס . זאלין אלין אין דיא גימיינה אין קומשטין פֿאר עניים פֿאר פֿאלין זיין :

**קיא**

דאש אלי דיא יעניגי דיא זיך מונטליך אודר שריפֿטליך האבין אב גידאנקט . אודר ע״י פרנסים זיין אב גיזעצט זאלין איבר ליברונג דיזה אורדינאסיא ווידר אום גיהערט ווערדין . אונ׳ פֿור פרנסים מעגין אונ׳ מוזין דינן . אונ׳ ווען זיא עש וויגרן . זאלין זיא מוזן בצאלין קנס מאה זהובים כמבֿואר בארטיקל י״ב אלי דיא שריפֿטין דיא איינר פֿון זיין האנד מעכֿט געבן האבין . זאלן ווידר איבר גליברט ווערדין אונ׳ זאל בטל ומבֿוטל זיין אונ׳ צו קיינר ווערדי גמאכֿט זיין :

**קיב**

אע״פי אצל ארטיקל כ״ג איז פֿאשט גישפֿעלט דש פרנסים אלי אוטרידיט אונ׳ כח הבין מיט איר קומפלעטי קולעשי ע״פ רובֿ הדיעותֿ וואש אן גיט אונזר קהילה . זוא ווערט פֿאר שטאנדין דז דאש ניט אן טרעפֿט דיא קי״ב פֿאר מעלטי ארטיקלין . זוא דאז דיזה גימעלטי ארטיקלין בכחם ובחזקתם מוזן בלייבן . אונ׳
דיא גאנצי קהילה ביקנט מוז זיין .

[12r]

מפתיחות יב


| | | |
|---|---|---|
| קודם לכל אלי חרמותֿ | סימן | א |
| דש אלי פרנסים וטובים | סימן | ב |
| דזווייטר קיין טובֿים | סימן | ג |
| איין גבאי מוז ל״ו שנים | סימן | ד |
| צו קיין התֿמנותֿ של קהל | סימן | ה |
| דז קיין לייט צו התֿמנותֿ | סימן | ו |
| גבאי צדקה זאל מחוייבֿ | סימן | ז |
| זעלבשטין אלי גבאים | סימן | ח |
| פרנסים מאכֿין כנהוג | סימן | ט |

| | | |
|---|---|---|
| מאחר הסדר והתיקון | סימן | י |
| דז קיינר פֿון ז׳ אנשים | סימן | יא |
| איין נייא גיווילטר פרנס | סי׳ | יב |
| דיא שמותֿ מן ג׳ פרנסים | סי׳ | יג |
| דיא אלטי פרנסים זיין | סי׳ | יד |
| קיין פרנ׳ או גבאי צדקה | סי׳ | טו |
| דאש בב״הכ הגדולה | סי׳ | טז |
| ב׳ פרנסי׳ ווען אן זיא האלט | סי׳ | יז |
| התֿוועדת הפרנסים | סי׳ י | ח |
| ווען עז גבירין מעכֿט | סי׳ | יט |
| דר פרנס החודש בעצמו | סי׳ | כ |
| כל אחד ואחד איז מחוייבֿ | סי׳ | כא |
| פרנסים זאלן פֿולמאכֿט | סי׳ | כב |
| קיינר קיין מנין צו מאכֿין | סי׳ | כג |
| קיין בעל ביתֿ או אשתו | סי׳ | כד |
| אלרלייא התֿמנותֿ | סי׳ | כה |
| פֿאר גבאי אין דיא האל | סי׳ | כו |
| חתן תורה וחתֿן בראשי׳ | סי׳ | כז |
| פרנסים זולין בוחר זיין | סי׳ | כח |
| אן שלשה צו איבר ליברן | סי׳ | כט |
| פֿאר חבֿרה של ת״ת | סי׳ | ל |
| כל שנה אלי בדינונג | סי׳ | לא |
| ר״ח חשון צעטל נוך צו זעהן | סי׳ | לב |
| איין יחיד או פֿרעמדיר | סי׳ | לג |
| אלי יחידים בקהלתֿינו | סי׳ | לד |
| בלאשטונג פֿון פלעטין | סי׳ | לה |
| דיא פלעטין מחדש זיין | סי׳ | לו |
| אויף זיכֿט פֿון פלעטין | סי׳ | לז |
| איין לידיגר פארשון | סי׳ | לח |
| אורח וויל איין יחיד זיין | סי׳ | לט |
| דר חזן זאל ניט אן היבן | סי׳ | מ |
| תפֿילותֿ אויז צו טיילין | סי׳ | מא |
| י״ב קערצין לוזין מאכֿין | סי׳ | מב |
| ש״ת זול דר פרנס סגן | סי׳ | מג |
| דער עולה לתורה איז | סי׳ | מד |
| משמנדריי׳ ב״הכ הקוני׳ | סי׳ | מה |
| חברה של תֿלמוד תורה | סי׳ | מו |

| | | |
|---|---|---|
| מן ברוך שאמר ע״א ש״ע | סי׳ | מז |
| גנאי וזלזול בב״הכ צו רידן | סי׳ | מח |
| בב״הכ הגדולה ב׳ חזנים | סי׳ | מט |
| חזן דעם זיין וואוך איז | סי׳ | נ |
| ניט צו זינגין שבתֿ פשוטה | סי׳ | נא |
| אבֿ ובן ניט בֿ״א חזני׳ זיין | סי׳ | נב |
| חזן וסו׳ סדרה מעבֿיר זיין | סי׳ | נג |
| למנצח צו אורין | סי׳ | נד |
| ניט לדוד ברוך אן צו היבן | סי׳ | נה |
| חזנים מוזן שטרותֿ חתֿמנן | סי׳ | נו |
| ב״ס ו׳ אנשי אויף צו רופין | סי׳ | נז |
| אב״ד כל שבתֿ איין חיוב | סי׳ | נח |
| י״ט או ר״ה או י״כ בשבתֿ | סי׳ | נט |
| דר פרנס איין חיובֿ איז | סי׳ | ס |
| חייובֿ י״ה אן שמש זאגין | סי׳ | סא |
| לפֿי כבֿודו אויף צו רופֿין | סי׳ | סב |

[12v]

מפתחות

| | | | |
|---|---|---|---|
| וועז ב׳ כהני׳ אולוים ווערן | סי׳ | סג | |
| סגן קיין אנדר צו שטעלין | סי׳ | סד | |
| דער קיין יחיד איז בקהל | סי׳ | סה | |
| בשבתֿ בשחריתֿ | סי׳ | סו | |
| הפֿורותֿ שא״א נערים | סי׳ | סז | |
| הפֿטרותֿ חזון | סי׳ | סח | |
| מיט קיין חבֿר אויף רופֿין | סי׳ | סט | |
| דער הגבהה נעמט | סי׳ | ע | |
| מן קהלש ספֿר תורה | סי׳ | עא | |
| פרוכֿתֿ פֿון יחידים | סי׳ | עב | |
| דר ס״ת מקדיש איז | סי׳ | עג | |
| קינד עץ חיים האלטין | סי׳ | עד | |
| לא יותֿר כשני שמשים | סי׳ | עה | |
| ברייאן על חתֿנה וב״מ | סי׳ | עו | |
| פֿ ן גלילה געלט | סי׳ | עז | |
| ב׳ חזנים אונ׳ א׳ שמש | עי׳ | עח | [sic] |
| למשומד או משומדתֿ | סי׳ | עט | |
| מתנותֿ או פסק געלט | סי׳ | פ | |

| | | | |
|---|---|---|---|
| פֿון התרה געלט | סי' | פא | |
| קיינר התרה צו געבן | סי' | פב | |
| קיין קדושין צו געבן | סי' | פג | |
| קיין גט צו געבן | סי' | פד | |
| קיין שטט בב'הכ גדולה | סי' | פה | |
| קיינום מל צו זיין | סי' | פו | |
| קיין בנין משנה צו זיין | סי' | פז | |
| קייין שטאט צו פֿור קויפֿן | סי' | פח | |
| איין פֿרעמדר רבֿ קומט | סי' פ | ט | |
| פֿרעמדר צו דרשן געבן | סי' | צ | |
| דיא חבֿרותֿ בקהלתֿינו | סי' | צא | |
| ניט פֿור ווערין לדין א"ע | סי' | צב | |
| א' בש שליחותֿ געלט | סי' | צג | |
| מיט קיין יונג צו הנדלין | סי' | צד | |
| קיין פֿלייש צו פֿאר קויפֿן | סי' | צה | |
| יחיד דר וויל שחטן לאזין | סי' | צו | |
| פֿאר פאכֿטונג מגרייטר | סי' | צז | |
| ניט צו שענקין | סי' | צח | |
| דר עוקר דירה איז | סי' | צט | |
| דער תשובֿה נעמט | סי' | | [sic] |
| דבֿר מאכֿל ניט צו קויפֿן | סי' | קא | |
| וועגין דאש שפילין | סי' | קב | |
| ניט צו דישפוטירן | סי' | קג | |
| קיינום פֿאר צו ווארפֿין | סי' | קד | |
| קיין בריף פֿון פושט הולין | סי' | קה | |
| קיין באסיקווילן מאכֿין | סי' | קו | |
| קיינם מחרים צו זיין | סי' | קז | |
| דער אין חרם איז | סי' | קח | |
| דיא בדינטי של ב"הכ | סי' | קט | |
| כל הקנסותֿ | סי' | קי | |
| מומדליך או שריפֿטליך | סי' | קיא | |
| אלי ארטיקל כ"ג | סי' | קיב | |